# פון דער ביכער־וועלט

## י. באשעוויס

### יעקב גלאטשטיין: „ווען יאש איז געפאהרען"

פארלאג „אינזיך", ניו יארק, 1938.

„ווען יאש איז געפאהרען" איז א רייזע־באשרייבונג מיט אלע גוטע און שלעכטע זייטען, וואס רייזע־באשרייבונגען מוזען האבען אלס אזעלכע. א ראמאן קאן מען פלאנען, אויפבויען, צופאסען צו א געוויסער קינסטלערישער אידעאלאגיע. דאס גאנצע לעבען פונ'ם שרייבער, אלע זיינע אויסערליכע און אינערליכע ערפארונגען, זיינען פאר איהם, אין פאטענץ, רוי־מאטעריאל, און עס איז דא פון וואס אויסצוקלייבען. פארקערט, אין א רייזע־באשרייבונג איז דאס פעלד פון ערפארונגען באגרעניצט. דער שרייבער קאן נאר, אין כלל גענומען, שילדערען דאס, וואס ער האט דורכגעמאכט אויף דער געגעבענער נסיעה, און באשרייבען די מענשען, וועלכע ער האט דארטען צופעליג באגעגענט. אין א רייזע באשרייבונג קאן נישט דער שריפטשטעלער פריי צופאסען די פאקטען צו זיינע קינסטלערישע צוועקען. ער מוז, גיכער, צופאסען זיין פען צו די פאקטען, אויף וועלכע ער האט זיך אנגעשטויסען. רייזע־באשרייבונגען געהערען דעריבער צו א לייכטערען זשאנר אין דער ליטעראטור. אין בעסטען פאל, זיינען זיי אויף דער גרעניץ צווישען זשורנאליזם און בעלעטריסטיק. „ווען יאש איז געפאהרען" איז, נאטירליך, נישט קיין אויסנאם.

מען קאן נישט זאגען, אז די רייזע, וועלכע גלאטשטיין באשרייבט אין זיין בוך, איז געווען זעהר אז אוואנטוריסטישע, רייך אין פאסירונגען. ער איז גאנץ פשוט אויפגעזעסען אויף א שיף אין ניו יארק, בשלום אריבער דעם אקעאן, געווען עטליכע שעה אין א פאריזער קאפע, און באלד דערנאך אריבערגעפאהרען קיין פוילען זיך זעהן מיט דער מוטער און די קרובים, וועלכע ער האט נישט געהאט געזעהן וועלכע צוואנציג יאהר. זשול ווערן וואלט ווענען אזא נישט־אוואנטוריסט שער, נישט־ראמאנטישער רייזע קיין צען שורות נישט ארויסגעווארפען.

וואלט יעקב גלאטשטיין נישט געווען אזא מעורב עם הבריות (ווי ער שילדערט זיך, אלענפאלס, אין דעם בוך), וואלט ער איבערהויפט גארנישט געהאט וואס צו דערצעהלען. אבער גלאטשטיין האט דאס מאל גיך מיט אלעמען געשלאסען קאנטשאפט. עפעס האט איהם די רייזע „געגעבען פליגעל", ווי ער דריקט זיך אויס, און עס האבען מיט איהם פאסירט „שנעלע פאסירונגען", ווי ביי „עליס אין וואונדערלאנד". „דער זידליכער ענגליש קייקעלט זיך ארויס פון מיין מויל און עס קומט אלעמאל דאס ריכטיגע ווארט אויפ'ן ריכטיגען פלאץ". „איך באשטעל א טרונק און ווארף די מטבע אזוי אקטיאריש־קונציג אויפ'ן טיש, אז איך ווער איבערראשט — עס שלאגט פון מיר מיט געניטקייט".

נישט נאר איז גלאטשטיין איבערראשט, נאר אויך מיר, די לייענער, זיינען אביסעל איבערראשט. גלייך ווי זיין דענישער פריינד אויף דער שיף, וועלכען גלאטשטיין כאראקטעריזירט פאר א „מיקסער", א מענש וואס האט די נאטירליכע פעהיגקייט גיך צו ווערען אויסגעקאכט מיט אלעמען, האט אויך גלאטשטיין „אין איין טאג אלעמען געקאנט און אלע האבען איהם געקאנט. ער האט געוואוסט אויף אויסנווייניג די לעבענס־געשיכטע פון יעדען איינעם אויף דער שיף. ער האט גלייך פארהיימישט אלעמענס קאמעדיעס און טראגעדיעס".

וואס פאר א רייכע און פארשידענארטיגע גאלעריע מענשען גלאטשטיין פיהרט אונז פארביי! אט שליסען מיר קאנטשאפט מיט א איד א תלמיד־חכם, וואס זיצט אויפ'ן דעק און קוקט אריין אין א ספר. גלאטשטיין זאגט וועגען איהם: „דער איד האט אויסגעזעהן צו זיין א זיבעציגער, אויף דער גרעניץ פון די געשענקטע יאהרען, און פון איהם האט געשלאגען מיט א רוה, וואס מען קען עס נישט קויפען מיט דעם קייזער'ס גיטער. נישט געווען אין איהם קיין שפור פון דעם געיעג אפילו אריינצוכאפען אביסעל עולם־הבא". „זיין קול האט זיך נישט געהערט, אבער דאס מויל האט געקייט די הייליגע ווערטער. א שעהנער איד, ציכטיג, אפגעפוצט און אידיש אריסטאקראטיש. שעהנע אויסגעאיידעלטע הענט, וואס האבען געמישט יעדעס בלעטעל מיט איבערגעטראכטער צוריקגעהאלטענקייט, ווי עס וואלט איהם א שאד געווען איבערצומישען און געהן ווייטער, ווען דאס אפגעלערענטע בלעטעל איז נאך אזוי פול מיט חכמה אין לשער".

אט וואקסט אויס א האלענדישער איד, וואס עס געהט איהם אין לעבען צו באווייזען, אז ער איז א האלענדישער הונדערט־פראצענטיגער פאטריאט, און אז דאס גאנצע אידישקייט ליגט איהם נישט אין דער לינקער פאה. און אט דערזעהען מיר א רומענישען איד, וואס איז פארווארפען געווארען ערגיץ קיין באגאטא, קאלאמביא, און כאטש ער האט אין דעם נייעם לאנד געמאכט א פארמעגען, בענקט ער סכנת־נפשות נאך אביסעל אידישקייט און פאהרט קיין רומעניע צו דער אלטער מאמען. פאר איין וועגס, לאזט גלאטשטיין יענעם דערצעהלען זיין ביאגראפיע און ווי אזוי די אידישע אימיגראנטען אין באגאטא זיינען כמעט אלע בחורים, ווייל מען קריגט דארטען נישט קיין אידיש כלה־מיידעל פאר קיין רפואה... מיר האבען דא אויף דער שיף א רייכען „קליידער־פאבריקאנט, וואס דער דאקטאר האט איהם אפגעזאגט דאס לעבען, איהם גענוי געזאגט ווי לאנג ער וועט נאך לעבען, און ער איז „באשמאנען" דערויף צו נעמען זיין לעצטע רייזע אויפ'ן ים". און עטליכע רוסישע אינזשינערען, סטודענטען, ארבייטער, וואס מען האט זיי געשיקט פון סאוועט־רוסלאנד קיין אמעריקע שטודירען, אנקוקען פאבריקען, זיך באקאנען מיט'ן היגען לעבען, און זיי פאהרען צוריק קיין סאוועט־רוסלאנד צוזאמען מיט א אידישער פרוי, סאניא יאקאוולעווגא, וואס איז אפגעווען אין אמעריקע צוועלף יאהר און פאהרט איצט צו איהר מאן, וואס האט באקומען אין סאוועט־רוסלאנד א פאראנטווארטליכען אמט. מיר האבען דא א אידישען „פרייז־פאיטער", בארני ראס, וואס האט אריינגעכאפט קלעפ פון דזשאו לואיס, און פאהרט קיין אייראפע צוזאמען מיט א „מענעדזשער", און א מיסטער לאוסאן, וואס איז עפעס א נאהענטער שמעלקע מיט גרויס־פינאנץ, איז גוט באהאווענט אין אידישע ענינים, איז, ווי ער זאגט, אן אייגענער מענש ביי רוזוועלט'ן, איז באפריינדעט געווען מיט דזשייקאב שיף, און חבר'ט זיך מיט ראביי וויז. עס וואלט נישט געקלעקט דער פלאץ אויסצורעכענען די אלע אינטערעסאנטע טיפען, מיט וועלכע דער לייענער באקאנט זיך. יעקב גלאטשטיין האט די באגאבונג מיט עטליכע שטריכען פלאסטיש ארויסצוברענגען א געשטאלט און אין עטליכע זייטלעך אנצוצייכענען די קאנטורען פון א מענשליכען שיקזאל. די מיטלען, מיט וועלכע ער באנוצט זיך, זיינען נישט אלע מאל אויסגעהאלטען קינסטלעריש.

